# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

**בעזהשי"ת** — פרשת מסעי — **כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק**


## דורש טוב

### אלה מסעי בני ישראל:

דער קאזניצער מגיד זי"ע אין **עבודת ישראל** זאגט אז פרשת מסעי געפאלט אלעמאל אין די ימי בין המצרים, וואס דאס איז דריי וואכן, איין און צוואנציג טעג. און אז מען רעכענט די טעג און די נעכט באזונדער איז דא צוויי און פערציג זמנים אין די דריי וואכן.

דאס איז א רמז אויף די 42 מסעות וואס יעדער איד דארף אריבערגיין אין די דריי וואכן און ארבעטן אויף זיך און דינען דעם אייבערשטן אז מען זאל מתקן זיין מיט די מ"ב מסעות די מ"ב זמנים.

*

**ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה', ואלה מסעיהם למוצאיהם:** פארוואס שטייט אנהייב צום ערשט מוצאיהם, און שפעטער צום ערשט מסעיהם?

זאגט **הגאון ר' יודא אסאד זי"ע** אז לכאורה איז שווער, וואס איז דער גרויסער נס פון קריעת ים סוף, מיר געפינען דאך אין די גמרא אז פאר ר' פנחס בן יאיר האט זיך אויך געשפאלטן דער טייך?

## הלכות פון די ניין טעג

קומענדיגע וואך מאנטאג איז ראש חודש אב, וואס דאן הייבט זיך אן "די 9 טעג".

אין די **ניין טעג** איז אסור על פי הלכה זיך צו וואשן **דעם גאנצן גוף** (אויב ראש חודש אב געפאלט ערב שב"ק, מעג מען זיך דעמאלטס געהעריג וואשן לכבוד שבת אזוי ווי א גאנץ יאר ב"ח וטו"ז מובא במש"ב תקנ"א סקפ"ט).

מען טאר זיך נישט וואשן דעם **קערפער** אין די ניין טעג אפילו מיט קאלט וואסער, אבער דעם פנים, הענט און פיס, מעג מען אפוואשן מיט קאלט וואסער.

אויב די **הענט און פנים** זענען שטארק שמוציג געווארן און מ'דארף עס אפוואשן מיט זייף, ווייל אנדערש וועט נישט אראפקומען די שמוץ, מעג מען דאס יא אפוואשן ווייל מען טוט דאס נישט פאר קיין תענוג.

פון **ר"ח אב** אנגעהויבן טאר מען נישט וואשן קיין קליידער (רמ"א סי' תקנ"א ס"ג). דער איסור פון וואשן איז סיי אויף וועש, האנטוכער, טישטוכער, א.ד.ג. אפילו מען קלערט דאס נישט צו נוצן נאר נאך תשעה באב, ווייל מיטן וואשן זעט עס אויס ווי מען פארגעסט פונעם אבילות (רש"י תענית ל' ע"א).

וועש פון קליינע קינדער וואס מאכן זיך

שמוציג דורכן ארומשפילן וכדומה, מעג מען געהעריג אויסוואשן. **וועש פון א גרעסערן מענטש** וואס איז שמוציג געווארן, אויב ער האט בשום אופן נישט וואס אנצוטוהן, זאל מען פרעגן א שאלה וואס צו טוהן (שו"ע מח' סי' תקנ"א סעי' י"ד).

עס איז וויכטיג פאר די ניין טעג זיך צוגרייטן אלע העמדער און קליידער וואס מען קלערט אנצוטוהן, יעדעס העמד זאל מען אנטון אביסל צייט, כדי עס זאל נישט הייסן פריש געוואשן, אבער שבת חזון טאר מען זיך נישט איבערטוהן עטליכע העמדער כדי צוצוגרייטן אויף אינדערוואכן, נאר אינדערפרי ביים אויפשטיין, און שבת נאכמיטאג ביים אויפשטיין קען מען זיך אנטון א פריש העמד, און אוועקלייגן די פריערדיגע העמד אויף אינדערוואכן (כף החיים).

די אונטערשטע **וועש** און זאקן וואס ווערן פארשוויצט, קען מען מקיל זיין צו טוישן. טייל זאגן אז מען זאל עס אראפלייגן אויף דער ערד און עס צוטרעטן עס זאל נישט זיין פריש אויסגעוואשען.

אין די ניין טעג עסט מען נישט קיין **פליישיגס**, אפילו א געקעכטס אדער א זופ פון פלייש איז מען מחמיר, אין מחבר (סי' י"א) שטייט אז ווער עס איז עובר אויף דעם מנהג "**פורץ גדר ישכנו נחש**". אויסער ביי א **סעודת מצוה**, ווי א ברית, פדיון הבן, סיום מסכת, מעגן אלע נאנטע קרובים, ביז א ערשטע קאזין, און גוטע פריינד מיטעסן די סעודה. אבער אסאך פירן זיך מחמיר צו זיין און רופן נאר בערך א מנין אידן אויסער די קרובי המשפחה.

דער תירוץ איז, אז דורך קריעת ים סוף האט דער ים באקומען א טבע אז ער קען זיך שפאלטן פאר צדיקים אויך אין שפעטערדיגע דורות. קומט אויס אז אלע ניסים וואס וועלן געשעהן אין אלע דורות איז נאר אין כח פון די פריערדיגע ניסים, און אויב השי"ת וואלט געפירט די אידן פון מצרים דורכן לאנד פלישתים גלייך קיין ארץ ישראל, וואלט זיך דער ים קיינמאל נישט געקענט שפאלטן.

קומט אויס אז די אידן האבן געמיינט אז די אלע פאסירונגען זענען געשעהן צוליב די מסעות, ווייל זיי זענען אנגעקומען אויף דעם פלאץ האט געדארפט געשעהן דער נס, דערוויל איז פונקט פארקערט, אלע מסעות פון די אידן אין מדבר איז געווען כדי עס זאל פאסירן די אלע ניסים, אלץ א הכנה צו די שפעטערדיגע דורות.

דאס זאגט דער פסוק: **ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם**, משה רבינו האט געשריבן, אזוי ווי די אידן האבן געקלערט, אז די פאסירונגען זענען געשעהן ווייל זיי האבן געצויגן אויף די פלעצער, אבער **על פי ה'** דער אויבערשטער האט געזאגט פארקערט, **ואלה מסעיהם** אז וועגן דעם האבן זיי געצויגן אויף די אלע פלעצער, **למוצאיהם** כדי עס זאל מיט זיי פאסירן די אלע זאכן, עס זאל זיין א הכנה פאר די שפעטערדיגע דורות.

*

**ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצרות:**

טייטשט דער **הייליגער חתם סופר זי"ע**, אז די אידן האבן אוועקגעצויגן פון קברות התאוה, זיי האבן באגראבן די אלע נארישע און זינלאזע תאות עולם הזה, ווייל זיי האבן געהאט א תשוקה זיך צו דערהייבן אלס העכער, ויחנו בחצירות, און זיי האבן גערוהט אויף די וועלט וואס ווערט אנגערופן חצר, ווי עס שטייט אין די משנה אין אבות (ד' ט"ז) **העולם הזה דומה לפרוזדור התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין**, האבן זיי זיך אנגעהויבן צוצוגרייטן מיט מצוות און מעשים טובים אז זיי זאלן קענען זוכה זיין צו חיי העולם הבא.

# הילולא דצדיקיא

## רבינו הקדוש בעל ישמח משה זי"ע

דעם שב"ק פרשת מסעי, כ"ח תמוז איז די יארצייט פון **מרן הגאון הקדוש רבינו משה איש אלקים טייטלבוים זי"ע ועכי"א**, פון אוהעל, דער מחבר פון די הייליגע ספרים ישמח משה און שו"ת השיב משה, און תהלים תפלה למשה, ועוד. דער גרינדער פון די הייליגע סיגעט-סאטמארער דינאסטיע ביז משיח'ס טאג, בב"א.

עס איז באקאנט אז דער הייליגער **ישמח משה** האט שטענדיג געהאפט און געווארט אויף די גאולה מיט א געוואלדיגע בענקשאפט, און די טרויער וואס ער האט געהאט אין די 3 וואכן איז נישט מעגליך צו באגרייפן. ער האט אמאל געזאגט אז וועגן דעם איז ער זיך אזוי מצער דערויף, ווייל אין פריערדיגן גלגול איז ער געווען ירמי' הנביא, און ער האט אליינס געזעהן מיט זיינע אויגן דעם חורבן בית המקדש, ואינו דומה שמיעה לראיה.

עס שרייבט זיין אייניקל דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע, אז ווען דער **ישמח משה** האט זיך צוגעשטעלט צו די חסידים און געווארן א חסיד פון הייליגן **חוזה פון לובלין** זי"ע, איז אים שווער געווען א קשיא, פארוואס די חסידים זענען אייביג פרייליך, עס שטייט דאך אין שו"ע אז יעדער ירא שמים דארף זיין פאר'צער'ט און פארזארגט איבערן חורבן בית המקדש? האט ער איינמאל גייענדיג קיין לובלין געטראכט, אז ער וועט דאס פרעגן פונעם חוזה אליינס, ער האט נאך אפילו געטראכט, אז די חכמים זאגן **הבא לטהר מסייעין אותו**, אז ווען איינער וויל זיין ערליך העלפט מען אים, עס שטייט נישט קיין לשון יחיד **"מסייע"** אז דער אויבערשטער אליינס העלפט, נאר א לשון רבים, עס גייט ארויף אויך אויף די צדיקים, דעריבער איז נישט מער ווי רעכט אז דער צדיק פון לובלין זאל אים זאגן דעם ריכטיגן ענטפער אויף די פראגע.

ווען דער **ישמח משה** האט געעפנט די טיר פונעם חוזה, האט דער חוזה זיך אנגערופן: וואס זענט איר אזוי פאר'צער'ט? עס שטייט טאקע אין שו"ע אז יעדער ירא שמים דארף זיין פאר'צער'ט און פארזארגט איבערן חורבן בית המקדש, אבער דער חכם האט דאך שוין געזאגט, אז עס דארף זיין **"צהלתו בפניו ואבלו בלבו"** (די פרייד זאל זיין אויפן פנים און די טרויער אין הארץ).

# דין אבא דמלכא

### יחוס של אבוה"ק ורבותינו הקדושים זי"ע

א) מרן **הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע** איז געווען דער טאטע פון הגה"ק **רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זי"ע** דער דראביטשער רב, און דער שווער פון **הגה"ק רבי ארי' לייביש ליפשיץ זצ"ל** דער ווישניצער רב, בעמח"ס ארי' דבי עילאי.

ב) מרן **הגה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע,** איז געווען דער טאטע פון הגה"ק בעל **ייטב לב** זי"ע, און הגה"ק **רבי שמואל גארליצער** זי"ע, און הגה"ק רבי **נחום צבי מבריגל** זי"ע.

ג) מרן הגה"ק **בעל ייטב לב זי"ע** איז געווען דער טאטע פון הגה"ק רבי **אברהם אהרן מקאלבאסאוו** זי"ע, הגה"ק **בעל קדושת יו"ט** זי"ע, הגה"ק רבי **משה יוסף מאיהעל** זי"ע, הגה"ק רבי **אלי' בצלאל מטעטש** זי"ע, דער שווער פון הגה"ק **רבי משה ראזוואדאווער** זי"ע, רבי **יעקב יוקל וואלאווער** זי"ע, רבי **ברוכ'ל גארליצער** זי"ע

ד) מרן הגה"ק בעל **קדושת יו"ט** זי"ע איז געווען דער טאטע פון מרן בעל **עצי חיים** מסיגעט זי"ע, און **כ"ק מרן רבינו הקדוש** זי"ע, און דער שווער פון **הרה"ק רבי חיים מאיר יחיאל פון רייזשנוב** זצ"ל, און הגה"ק **רבי חנוך העניך מייער** זצ"ל מקערעצקי.

ה) כ"ק **מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע** איז געווען דער טאטע און מורה דרך פון רבבות אלפי ישראל איבער די גאנצע וועלט, וואס פירן זיך אין דעם אויסגעטרעטענעם וועג וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן אונז געלערנט.

ו) בן אחיו וממלא מקומו **כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע,** איז דער פאטער פון **כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א,** והוא ינהגנו לקראת משיח צדקינו במהרה.

גלייבט מיר - האט דער חוזה ממשיך געווען - אז מיר זאגן תיקון חצות מיט גרויסע בכיות, אבער פון אינדערויסן דארף אלץ אויסזעהן פרייליך. אזוי ווי דער **הייליגער רבי ר' שמעלקע זי"ע** האט געזאגט "א משל צו א קעניג וואס איז אנטלאפן אין געפענגעניש און איז אנגעקומען צו א גוטן פריינד, האט ער אויפגענומען דעם קעניג מיט גרויס שמחה, אבער אין זיין שטוב האט ער ביטער געוויינט אויפן מצב אז דער קעניג האט געדארפט אנטלויפן ביז צו אים".

איי - האט דער חוזה פארענדיגט - פארוואס דארפן מיר דאס אלעס דערציילן? ווייל די הייליגע חכמים זאגן הבא לטהר מסייעין אותו, אז ווען איינער וויל זיין ערליך העלפט מען אים, עס שטייט נישט קיין לשון יחיד "**מסייע**" אז דער אויבערשטער אליינס העלפט, נאר א לשון רבים, אז מיר דארפן אויך צוהעלפן"... דאס אלעס האט דער חוזה געזאגט נאך איידער דער ישמח משה האט געזאגט אווארט.

דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז נסתלק געווארן כ"ח תמוז תר"א לפ"ק.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

❀

# פרקי אבות

**רבי אומר איזה הוא דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהוא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם.**

זאגט דער הייליגער קדושת לוי זי"ע, כל שהוא תפארת אז ביי אלע זיינע געשעפטן זאל ער טראכטן אז ער טוט די זאך אז עס זאל זיין א כבוד שמים, עס זאל זיין א תפארת פארן אייבערשטן, איי ווען סטו פרעגן פארוואס דארף דער אייבערשטער די מעשים פון די מענטשן, דער אייבערשטער האט דאך צענדליגער טויזנטער מלאכים, אויף דעם זאגט די משנה: ותפארת לו מן האדם, די עיקר שיינקייט איז ווייל ער איז א אדם, דוקא ווייל ער איז אזוי קליין און ביליג קעגן די מלאכים, און דאך דינט ער דעם אייבערשטן, טוט זיך השי"ת בארימען מיט אים.

*

רבי אומר איזהו דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהוא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם. טייטשט דער תכלת מרדכי אז אין ספר העקידה טייטשט דעם פסוק לא תעשה לך פסל כל תמונה אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת. אז א מענטש זאל זיך נישט הייליגן צו זיין אינגאנצן ווי א מלאך, און נישט האבן געדנישט מיט די וועלט, און אויך זאל ער נישט זיין פארזינקען אין תאוות עולם הזה ווי א בהמה.

דאס זאגט די משנה כל שהוא תפארת לעושיה ותפארת לו מן "האדם", אז ער זאל טאקע נישט זיין קיין מלאך, אבער ער זאל אויך געדענקען צו בלייבן א אדם און נישט קיין בהמה.